# תורת אביגדור
באידיש
## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר במדבר
נתנדב לרפואת יהודה ארי' לייב בן עליזא
בתוך שאר חולי ישראל

## פרשת בהעלותך

# א פרייליכע פאלק


פרנס השבוע

לע"נ
**אברהם חיים ב"ר דוב** ע"ה

לרפואת שלימה
**יהודא בן רחל** בתושח"י

ע"י מו"ה **דוב בער פריינד** הי"ו
**להצלחה בכל ענינים**

צו מנדב זיין רופט:
**347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן ארייננצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטש

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: TorasAvigdor.org
Email: Director@torasavigdor.org | Telephone: 347.451.0332
Address: 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת בהעלותך
שנה ג׳

# א פרייליכע פאלק

## תוכן:

חלק א. אומצופרידנקייט - חלק ב. לערנען צו זיין צופרידן - חלק ג. לעבן פרייליך און צופרידן

## חלק א. אומצופרידנקייט

### א שווערע אויפגאבע

ווען מיר לערנען איבער די הנהגה פון דעם גרעסטן פון אלע מענטשן, משה רבינו, זעען מיר ווי ער איז אדורך עטליכע שווערע איבערלעבענישן. צו פירן א פאלק איז קיינמאל נישט גרינג און משה רבינו׳ס תפקיד איז נישט געווען אנדערש; ער איז געשטעלט געווארן פאר א נסיון איין מאל נאכ׳ן אנדערן. מיר ווייסן אלע פון די זינד פון דעם עגל - דאס איז געווען איינע פון די שרעקליכסטע פאסירונגען דורכאויס משה רבינו׳ס הנהגה. דאס אז די פאלק, זיין פאלק, זאל טאנצן ארום א גאלדענע קאלב?! וואס קען זיין ערגער ווי דאס?

דערנאך איז געקומען די מחלוקת פון קרח. איר דארפט וויסן אז קרח און זיין עדה זענען געווען חשוב׳ע מענטשן און דערפאר, ווען זיי זענען געקומען קעגן משה רבינו, ווען זיי האבן געהאט די עזות צו שטיין פאר אים און אים באשולדיגן אויף נושא פנים זיין זיין ברודער, דאס איז געווען א גרויסער ווייטאג פאר משה. עס שטייט (במדבר טז:טו). **וַיִּחַר לְמֹשֶׁה מְאֹד** - משה איז געווען זייער אין צארן.

דאך איז אבער פארגעקומען אן ערגערע פאסירונג, א גרעסערער נסיון, אין משה׳ס לעבן - דאס איז געווען די מעשה מיט די מרגלים. ווען די שפיאנען האבן זיך אומגעקערט פון ארץ ישראל און איבערגערעדט די אידן אז עס איז נישטא קיין האפענונג צו איינגעמען ארץ כנען, איז עפעס שרעקליך פארגעקומען. א טייל מענטשן האבן געזאגט (שם יד:ד), **נִתְּנָה רֹאשׁ** - ״לאמיר אויסוועלן א נייעם פירער, **וְנָשׁוּבָה מִצְרָיְמָה** - און לאמיר זיך אומקערן קיין מצרים.״ עס איז געווען א געפערליכע זאך צו זאגן. א נייעם פירער אנשטאט משה רבינו?! צו צוריקגיין קיין מצרים?! אלעס וואס מ׳איז אריבער ביז אהער וואלט צונישט געווארן. קריעת ים סוף, מתן תורה; די אלע געוואלדיגע איבערלעבענישן וואלטן אפגעווישט געווארן! דערפאר זענען משה און אהרן געפאלן אויף זייער פנים ווען זיי האבן דאס געהערט. דאס איז געווען א גרויסער קלאפ פאר משה רבינו.

## די ערגסטע איבערלעבעניש

פונדעסטוועגן איז געווען איין פאסירונג וואס איז פארגעקומען דורכאויס משה רבינו'ס לעבן וואס איז געווען פיל ערגער ווי אלע אנדערע; דאס איז גארנישט געווען קיין פארגלייך צו די פריערדיגע נסיונות. דאס ווערט דערציילט אין די וואכעדיגע סדרה, פרשת בהעלותך, אין שישי: **וְהָאסַפְסֻף אֲשֶׁר בְּקִרְבּוֹ הִתְאַוּוּ תַּאֲוָה** - די ערב רב האבן געגלוסט; זיי האבן זיך געפילט באקריוודעט יעצט אין מדבר און זיי האבן אנגעהויבן גלוסטן. זיי האבן נישט פארמאגט דאס פון וואס זיי האבן געטון געניסן אין די פארגאנגענהייט אין מצרים און זיי האבן אנגעהויבן רעדן צווישן זיך און צו זייערע שכנים: "קוקט וואס קומט דא פאר אין מדבר! ס'איז נישטא קיין וואסער."

עס איז געווען וואסער אבער ס'איז נישט געווען אזוי צוגענגליך ווי ס'איז געווען אין מצרים. אין מצרים איז געווען וויפיל וואסער מ'האט געוואלט האבן - איבער גענוג צו טרינקען, איבער גענוג צום באדן און צו וואשן וועש. דער טייך נילוס איז א ריזיגער וואסער און עס זענען געווען באוואסערונגס גריבלעך וואס האבן זיך געצויגן פונעם טייך צו אלע ערטער.

און אין די פרוכטבארע טאלן פונעם נילוס האבן די מצריים אלעס געפלאנצט. אלע סארט גרינצייג האבן דארט געבליט. און יעצט אין מדבר האבן זיי דאס נישט געהאט. **בִּלְתִּי אֶל הַמָּן עֵינֵינוּ** - "בלויז צו די מן זענען אונזערע אויגן געוואנדן!" האבן זיי געוויינט. דאס מיינט, זיי האבן די לאנגווייליגסטע עסן אויסוואל וואס איז שייך; איין מאכל ווערט סערווירט יעדן טאג.

## אומצופרידנקייט פארשפרייט זיך

און ווען זיי האבן געלאזט הערן זייערע טענות, האט דאס אונטערגעצונדן די געפילן אויך פון אנדערע אידישע קינדער. די טבע פון א מענטש איז, אפילו אויב ביסטו געווען א צופרידענער מענטש, אויב דיין ווייב טוט זיך שטענדיג אפרעדן, איז צום סוף ברעכסטו אויך אונטער. זי האמערט אריין אין דיינע אויערן אזוי פיל, ביז דו הייבסט אויך אן צו פילן אומצופרידן. ס'קען אויך זיין פארקערט, דרך אגב. עס קען זיין אז דער מאן רעדט זיך אפ און דערפאר ווערט די ווייב אומצופרידן. אדער סיי ווער עס רעדט זיך אפ - איין מענטש וויינט, הייבט ער אן צו צעשטערן די הנאה פון יעדן איינעם ארום אים.

און דערפאר, ווען די **אסַפְסֻף** האט אנגעהויבן זיך אפצורעדן, **וַיָּשֻׁבוּ**, האבן זיי יעצט איבערגעקערט די אידישע קינדער וועלכע האבן זיך ביז יעצט געהאלטן שטיל; דאס מיינט אז זיי האבן זיך יעצט געטוישט און **וַיִּבְכּוּ גַּם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** - די אידישע קינדער האבן אויך געוויינט. די גוטע מענטשן זענען רואינירט געווארן דורך די באקלאגערס, **וַיֹּאמְרוּ** - און זיי האבן אנגעהויבן זאגן, **מִי יַאֲכִלֵנוּ בָּשָׂר** - "ווער וועט אונז שפייזן מיט אביסל פלייש?" אה! אויב נאר מיר זאלן קענען האבן א קליין שטיקל ווארשטל. פארוואס זענען מיר אזוי באקריוודעט? פארוואס קענען מיר נישט האבן א שטיקל געבראטענע פלייש דא אין מדבר?"

## מצרי'שע דעליקאטעסן

זיי האבן געזאגט, "מיר געדענקען די פיש וואס מיר האבן געגעסן אין מצרים פאר אומזיסט." אין מצרים, איז דער נילוס געווען אנגעפילט מיט אלע סארטן גרויסע פעטע פיש און מ'האט נישט געדארפט האבן קיין ספעציעלער ערלויבעניש צו גיין כאפן פיש - דאס גאנצע וואס מ'האט געדארפט האבן איז געווען א העקל. מ'האט גענומען א דראנט, עס איינגעדרייט ווי א העקל און דאס איז עס. ווערים זענען געווען איבער גענוג, האט מען צוגעטשעפעט ווערים צום העקל און מיט

א שטריק האט מען עס געוואָרפן אריין צום נילוס און אין א מינוט אדער צוויי האט מען געשפּירט א צי. דאן האט מען מיט ביידע הענט ארויסגעשלעפּט דעם העקל וואס דערמיט איז מיטגעקומען א גרויסע פעטע פיש. און דאס איז געווען בחינם - אומזיסט.

און דערנאך האבן זיי אויסגערעכנט אלע אנדערע זאכן וואס זיי האבן געגעסן מיט די פיש. זיי האבן נישט געגעסן סתם פיש. זיי האבן מיטגעגעסן צו די זייט צושפּייזן: הקשאים, אבטחים, חציר, בצלים און שומים. א גאנצע ליסטע פון שפּייז פון וואס זיי האבן גע'חלומ'ט; אוגערקעס און מעלאנעס און שפּינאט און צוויבל און קנאבל. "אבער יעצט זענען מיר אינגאנצן אויסגעטרוקנט. אונזערע אויגן זעען נאר די מן."

## די שרעקליכע עפּידעמיע

איינמאל ס'איז ארויסגעקומען אן אומצופרידנקייט האט זיך עס אנגעהויבן פארשפּרייטן ווי אן עפּידעמיע. **וַיִּבְכּוּ גַּם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** - און די אידישע קינדער האבן געוויינט, **לְמִשְׁפְּחֹתָיו** - עס זענען געווען משפחות וואס זענען געזעסן און געוויינט; עס האט זיך פארשפּרייט פון איין געצעלט צום אנדערן.

"איבער וואס וויינסטו?"

"וואס הייסט?! וועגן די מן! מיר עסן יעדן טאג די זעלבע זאך!"

אאה! טאקע אזוי! אויאויאויאוי! די מן!" און דאן האבן זיי אויך אויסגעבראכן אין א געוויין. די קומענדיגע משפחה האט געהערט וואס עס גייט פאר און דאן די קומענדיגע. עס האט זיך פארשפּרייט פון פאמיליע צו פאמיליע און עס איז געווארן אן עפּידעמיע.

## צו א שווערער לאסט

יעצט וועלן מיר זעהן ווי דאס איז באטראכט געווארן ווי די ערגסטע פּאסירונג דורכאויס משה רבינו'ס הנהגה. **וּבְעֵינֵי מֹשֶׁה רָע** - אין די אויגן פון משה איז עס געווען שלעכט; זייער א שלעכטער מצב. אבער לייגט צו קאפּ צו ווי שלעכט דאס איז געווען. משה רבינו האט זיך יעצט געוואנדן צום באשעפער און אויסגעדריקט ביטערניש און אנטמוטיגונג אין א וועג וואס איז קיינמאל נישט געהערט געווארן פון אים דורכאויס זיין גאנץ לעבן. ער איז געווען אזוי צעבראכן אז ער האט געוואלט אראפּווארפן פון זיך דעם גאנצן עול פון פירן כלל ישראל.

הערט צו וואס משה האט געזאגט: **לָמָה הֲרֵעֹתָ לְעַבְדֶּךָ** - "פארוואס האסטו געטון די שלעכטס צו מיר? **וְלָמָּה לֹא מָצָתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ** - פארוואס האב איך נישט געפונען חן אין דיינע אויגן, **לָשׂוּם אֶת מַשָּׂא כָּל הָעָם הַזֶּה עָלָי** - אז דו לייגסט דעם לאסט פון דאס פאלק אויף מיר?" דאס מיינט, "איך קען דאס מער נישט אויסהאלטן, ס'איז צו שווער פאר מיר."

## ווערטער פון ייאוש

און דאן האט משה עפּעס געזאגט עפּעס וואס מען האט קיינמאל פריער נישט געהערט פון זיין הייליג מויל: **הָרְגֵנִי נָא הָרֹג** - איך בעט דיר, זאלסט מיר הרג'נען, **וְאַל אֶרְאֶה בְּרָעָתִי** - און איך זאל נישט זען די שלעכטס וואס גייט קומען.

אלזא, דאס איז עפּעס ניי. ס'איז א מערקווירדיגע זאך אז משה רבינו זאל אזוי רעדן. "הרג'ע מיר!"?! ביי קיין איינע פון די קריזיסן אין מדבר האט ער נישט ארויסגעבראכט אזעלכע ווערטער פון ייאוש.

אויב ער וואלט געדאווענט אויף די מענטשן אזוי ווי ער האט געדאווענט ביים חטא העגל אז דער באשעפער זאל רחמנות האבן אויף זיי, וואלט דאס געווען פארשטענדליך. ער וואלט אפילו געקענט אפשר ווערן פארקלעמט און פאלן אויף זיין פנים, ווי ער האט געטון אין אנדערע צייטן. אבער משה איז געווען א שטארקער מנהיג - ער איז קיינמאל נישט דורכגעפאלן מיט זיין ישוב הדעת און זיין פארזיכערונג אז דורך פאלגן דעם רצון ה' וועט ער צום סוף מצליח זיין. אבער דא האט משה אינגאנצן אויפגעגעבן. פלוצלינג איז ער געווארן אזוי שוואך אז ער האט געפילט אז עס לוינט אים מער נישט פארצוזעצן. ער איז געווארן אזוי אנטמוטיגט אז ער האט געבעטן דעם באשעפער, "ביטע הרג'ע מיר." און דאס איז נישט געווען סתם געזאגט. ווען משה רבינו האט דאס געזאגט, איז עס געווען א פאקטישער געבעט, "ענדיג מיט מיר."

איז די שאלה, וואס איז דער באדייט דערפון? עס זעט אויס ווי דאס איז געווען די ערגסטע זאך פון אלעס וואס האט פאסירט אין מדבר. דאס איז שווער צו פארשטיין. דער פאקט אז מענטשן האבן טענות? איז וואס איז? וואס איז אזוי געפערליך אין דעם אז עס שטייגט איבער אלע אנדערע זאכן?

## אומצופרידנקייט איז די ערגסטע

דער ענטפער איז, די ערגסטע פון אלעם איז דאס לעבן מיט א געפיל פון אומצופרידנקייט; צו זיין **כמתאוננים** - מיט א זעלבסט רחמנות אויף זיך אליין; דאס איז די ערגסטע. ווען זיי האבן געזינדיגט מיט'ן עגל, ווען קרח ועדתו האבן געבונטעוועט; דאס זענען שטיינער אין וועג אבער עס איז פארט נאך דא א צוקומפט פאר די מענטשן. ס'איז נישט דער סוף. נאר ווען די מענטשן - כאטש זיי מאכן נישט קיין שום מרידה קעגן משה רבינו, זיי פלאנירן נישט צו צוריקגיין קיין מצרים, זיי ווייזן נישט קיין עזות קעגן אים - אבער זיי זענען אומצופרידן; דאס ברענגט זיי צו זייער סוף.

אומצופרידנקייט איז די ערגסטע זאך וואס קען שעדיגן דאס אידישע פאלק ווייל ווען א מענטש ווערט אומצופרידן מיט זיין גורל אין לעבן, איז ער א דורכפאל אין עבודת ה'! אויב דו שפירסט ווי דו ביסט דער וואס געבט פאר'ן באשעפער און דער באשעפער געבט דיר נישט צוריק וואס עס קומט דיר - דו דאווענסט און דו היטסט די תורה אבער וואס באקומסטו פון אים, כביכול? - אויב דאס איז וואס דו טראכסט, דאן ביסטו א דורכפאל. מיט אזא מהלך המחשבה, קען מען נישט זיין קיין עובד ה'.

## ריכטיגע עבודת ה'

עבודת ה' מיינט, אז דו זוכסט וועגן און מיטלען צו אויסדריקן דיין דאנקבארקייט צום באשעפער: **מָה אָשִׁיב לַה'** - ווי אזוי קען איך צוריקצאלן פאר'ן באשעפער, **כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי** - פאר אלעס וואס ער האט מיר געגעבן (תהלים קטז:יב)?

אבער אויב דו טראכסט אז ער האט דיר גארנישט געגעבן; דו מיינסט אז ער איז דיר שולדיג פיל זאכן, אז דו טוסט אזויפיל זאכן פאר אים און ער טוט גארנישט פאר דיר, דאן דינסטו נישט דעם באשעפער - דו ביסט א פרומער איד און דו וועסט באקומען שכר פאר טון מצוות אבער אין פארגלייך צו וואס דו וואלטסט געדארפט אויפטון, ביסטו א דורכפאל.

אלזא, איך פארשטיי אז איר מענטשן זענען נישט אזוי גרייט דאס צו מודה זיין; איר טראכט אז ס'איז אבי געוועדט, ס'איז עקסטרעם. און דערפאר, וועל איך עס איבער'חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל ביז דער אמת וועט אריינדרינגען: דו קענסט נישט זיין קיין אמת'ער פרומער איד, אויסער אויב דו ביסט פרייליך מיט וואס דער באשעפער טוט פאר דיר!

און לאז נישט קיינעם דיר זאגן אנדערש! די גאנצע עבודת ה' איז געבויט אויף דעם יסוד - הכרת הטוב צום באשעפער אויף דעם וואס ער געבט פאר דיר.

### דער ערשטער שריט צו תורה

און דערפאר, איז נומער איינס שריט צו קונה זיין תורה, אז א מענטש זאל זיין פרייליך. נישט נאר ווייל דער באשעפער וויל דו זאלסט זיין פרייליך, נישט נאר ווייל ס'איז געזונטער צו זיין פרייליך, נישט נאר ווייל דו וועסט לעבן לענגער אויב דו ביסט פרייליך; די אלע זאכן זענען ריכטיג אבער ס'איז דא עפעס פיל וויכטיגער ווי דאס: ווען דו ביסט פרייליך און דו אנערקענסט אז דער באשעפער איז דער גורם צו דיין שמחה, מיט דעם הייבט זיך אלעס אן - יעצט קענסטו שוין אנפאנגען צו מצליח זיין אויף די וועלט.

און דערפאר, ווען משה רבינו האט געזען אז אן עפידעמיע פון אומצופרידנקייט פארשפרייט זיך, איז ער אריינגעפאלן אין א היסטעריע. "אויב די מענטשן זענען אומצופרידן, דאס איז א חורבן אויף אלעס וואס איך האב געטון מיט זיי." ער האט געזען זיין גאנצע הארעוואניע אלס א דורכפאל! ס'טוט צוזאמפאלן! די גאנצע קבלת התורה איז יעצט באדייטלאז, ווייל וואספארא סארט תורה איז דאס אויב מ'לערנט עס מיט א ווידערווילן געפיל אין הארץ קעגן באשעפער?! אויב שפירסטו אז דו באקומסט נישט גענוג אויף די וועלט, דיין איז דיין תורה נישט קיין תורה און דיין עבודה קען נישט זיין קיין עבודה!

און דערפאר, ווען משה האט דאס געזען, האט ער אויפגעגעבן. "הרג'ע מיר. איך בין א דורכפאל! איך בין געווען דער שליח זיי ארויסצוברענגען פון מצרים, איך האב זיי אראפגעברענגט די תורה, מיר האבן זיי אלעס געטון אבער יעצט זע איך אז עס איז א דורכפאל. אויב וועלן זיי זיין אומצופרידן צוליב גשמיות, דאן איז דער פונדאמענט צעפאלן, ווייל קבלת התורה הייבט זיך אן מיט צופרידנקייט אויף די וועלט.

# חלק ב. אויסלערנען צו זיין צופרידן

### די זיבעציג זקנים

אלזא, ס'איז וויכטיג צו הערן וואס עס האט דאן פאסירט. וואס האט דער באשעפער געטון ווען משה רבינו האט געבעטן ער זאל באפרייט ווערן פון דעם אחריות? ער וואלט געקענט גלייך טון עפעס כדי צו לעזן דעם פראבלעם - דאס וואס ער האט שפעטער געטון, דער באשעפער האט זיי צוגעגעבן נאך עסן, אבער גלייך דאן, ווי אזוי האט דער באשעפער רעאגירט צו משה רבינו'ס געבעט?

דער ערשטער ענטפער וואס דער באשעפער האט געגעבן צו משה רבינו איז געווען אזוי: **אֶסְפָה לִּי שִׁבְעִים אִישׁ מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל** - זיבעציג מענטשן פון די עלטסטע ביי די אידן, **אֲשֶׁר יָדַעְתָּ כִּי הֵם זִקְנֵי הָעָם וְשֹׁטְרָיו** - וואס דו ווייסט אז זיי זענען געווען די עלטסטע פון פאלק און זייערע אויפזעערס אין מצרים.

"ברענג זיי צום אוהל מועד," האט דער באשעפער געזאגט, "און זיי זאלן שטיין פאר דיר. דאן וועל איך אראפקומען און רעדן מיט דיר און פון דעם גייסט פון נבואה וואס וועט זיין אויף דיר, וועל איך אויך לייגן אויף זיי טייל פון די נבואה. און זיי וועלן טראגן דעם לאסט פון דאס פאלק צוזאמען מיט דיר און דו וועסט עס נישט דארפן טראגן אליין (יא:טז-יז).

ס'איז אינטערעסאנט אריינצוקוקן אינעווייניג - ס'איז א גאנצע פרשה איבער די זיבעציג זקנים ווי אזוי זיי האבן באקומען נבואה.

## וואס האבן די זיבעציג זקנים אויפגעטון?

אבער מיר זענען צעמישט. ווייל אויב איר ליינט אין די פרשה, וועט איר נישט זען קיין איין ווארט ווי אזוי זיי האבן בכלל ארויסגעהאלפן משה רבינו צושטעלן די באדערפענישן וואס די אידן האבן פארלאנגט. אויב משה רבינו זאל וועלן יעצט גיין טון א שווערע עבודה; אויב ער וואלט, צום ביישפיל, ארויסגעגאנגען און פראבירט צו איינקויפן פלייש פון די ארומיגע פעלקער פון די גוים, דאן פארשטייען מיר אז עס איז צופיל ארבעט פאר אים אליין, וואלט ער געדארפט האבן זיבעציג מענטשן וואס זאלן אים העלפן צושטעלן פלייש פאר דאס פאלק.

אבער נישט דאס איז געווען דער פאל. די זיבעציג זקנים האבן גארנישט געטון צו געבן פאר די אידן פלייש. אויב אזוי, וואספארא סארט ענטפער איז דאס געווען ווען דער באשעפער האט געהערט משה'ס געבעט, "ס'איז צו שווער פאר מיר," וואס דאן זאגט אים דער באשעפער, "איך געב דיר זיבעציג מענטשן"?

דער ענטפער איז, אז דער באשעפער וויל דא לערנען פאר דאס אידישע פאלק א וויכטיגער לימוד - א יסודות'דיגע לערע פאר'ן לעבן. און דאס האט ער געזאגט: "דו ווייסט וואס, משה? איך וועל דיר יעצט געבן זיבעציג געהילפן, אבער זייער גרויסער תפקיד איז נישט צו געבן פאר די מענטשן מער עסן. דאס איז נישט א וועג צו לעזן דעם פראבלעם. מיר דארפן נישט מער מענטשן צו צושטעלן עסן, מיר דארפן מער מענטשן צו צושטעלן שכל; צו געבן מער צופרידנקייט פאר די אידן."

## אז מ'זעט די חסרונות

ווייל דער אמת איז, אז די מן קען נישט ברענגען שמחה פאר אזעלכע וואס האבן נישט קיין שכל. דערפאר, באלד ווי די תורה דערציילט אונז איבער די וועלכע האבן זיך אפגערעדט, גלייך דערנאך לייגט דער פסוק צו אפאר ווערטער כדי צו פארשטארקערן די טענה: **וְהַמָּן כִּזְרַע גַּד הוּא** - די מן איז געווען ווי א קאריאנדער קערנדל **וְעֵינוֹ כְּעֵין הַבְּדֹלַח** - עס האט אויסגעזען ווי קריסטאל, דאס מיינט אז עס האט נישט געהאט קיין קאליר; עס איז פאקטיש געווען קאלירלאז, פונקט ווי קריסטאל.

ס'איז אויך נישט געווען קיין גרויסער אויסוואל פון טעמים. עס האט געהאט א טעם **כְּצַפִּיחִת בִּדְבָשׁ**, ווי א קיכל געטונקען אין האניג; און עס איז געווען די זעלבע זאך יעדן טאג. טאג נאך טאג - מן פאר פרישטאג, מיטאג און נאכטמאל - אפשר האבן זיי אפילו נישט געגעסן מיטאג, אבער אויב יא איז עס געווען מן. יעדן טאג, אויך שבת און יום טוב; יעדן טאג פאר פערציג יאר!

נאר די תורה לייגט צו אז אויב האט מען געוואלט האבן נאך א טעם, אויב די פרוי האט געוואלט אביסל מאכן עפעס א שטיקל טויש, האט זי געקענט **דָכוּ בַּמְּדֹכָה** - צעמאלן די מן און עס פרעגלען ווי א לאטקע.

## לאנגווייליגע מאלצייטן

אלזא, שטעל זיך פאר אז באלד נאך דיין חתונה הייבט דיין כלה אן צו מאכן לאטקעס. דאס איז וואס זי האט זיך געלערנט און דאס איז וואס זי מאכט פאר פרישטאג, מיטאג און נאכטמאל. אויפצומארגנס מאכט זי די זעלבע זאך. און דעם קומענדיגן טאג נאכאמאל די זעלבע זאך. דאן הייבסטו אן קוקן קרום אויף די גאנצע געשעפט. אפילו אויב דו ווייסט באקומען די געשמאקסטע

לאטקע, אבער אויב וועסטו עס באקומען פאר פרישטאג און פאר מיטאג און דערנאך אויך פאר נאכטמאל, איז נאך אביסל הייבט עס אן ארויסצוקריכן פון דיינע אויערן - ס'וועט אנהייבן צו איבלען.

פונקט דאס איז געווען דער אויסוואל וואס זיי האבן געהאט אין מדבר. אדער האבן זיי עס געגעסן אזוי ווי עס איז און ס'האט געהאט א טעם ווי א זיסער קיכל אדער האבן זיי עס געפרעגלט און עס האט געהאט א טעם פון א לאטקע. דאס איז דער טויש אין דיעטע אויף וואס זיי האבן געקענט ארויסקוקן אין מדבר דורכאויס פערציג יאר. נישט פיר טעג אדער פיר וואכן אדער פיר חדשים; פערציג יאר!

כאטש מיר ווייסן, אלע קינדער ווייסן, אז אויב איינער האט געהאט די ריכטיגע אמונה אין באשעפער אז ער געבט אים וואס ער וויל, אויב ער האט געהאט צוטרוי און באגלייבטקייט אין באשעפער, האט עפעס פאסירט. דער קיכל אדער לאטקע האט באקומען א טעם ווי די זאך וואס דו האסט געוואלט עסן.

## א באגרעניצטע לעבן

נישט נאר דער אויסוואל פון עסן האט זיי געפעלט. די מן איז געווען איין ביישפיל פון א ספעציעלע באהאנדלונג וואס זיי האבן באקומען פון באשעפער - א לעבנס פראגראם פון באגרעניצטע הנאה, פון ווייניג באקוועמליכקייטן. אין מדבר האט דער באשעפער נישט צוגעשטעלט פאר די אידן קיין אונטערהאלטונגען. עס איז נישט געווען אין ערגעץ ווי צו גיין, אפילו צו א כשר'ע פלאץ. מען האט נישט געקענט נעמען די קינדער חול המועד צו א טירגארטן און אויך נישט צו קיין פארקס - ס'נישט געווען דארט אזא זאך! און אודאי נישט קיין טעאטערס און קיין לויפן פארמעסטן. עס איז גארנישט געווען פון די סארט זאכן! גארנישט בכלל!

און מיינט נישט אז אין יענע טעג זענען די מענטשן געווען אזוי צוריקגעבליבן אז זיי האבן נישט געוואוסט פון קיין אונטערהאלטונגען. צווישן די פעלקער זענען געווען אסאך פארוויילונגען. **וַיָּקֻמוּ לְצַחֵק** - די מצריי'שע גרים האבן געוואלט פארברענגען. לצחק מיינט צו מאכן שפילערייען. סיי וואספארא שפילערייען עס זענען געווען האבן זיי געוואלט שפילן. זיי האבן געהאט פיל סארטן פארוויילונגען אין די אמאליגע צייטן. זיי האבן געהאט מוזיק און שפילערייען. זיי האבן אלעס געהאט.

און יעצט איז א גאנצע פאלק, א פאלק וואס ווערט יעצט געגרונדעט אויף אייביג, ארייגעבערענגט געווארן אין מדבר צו א לעבן פון קאלירלאזע שפייז, א מאנאטאנישע דיעטע און א לעבן וואס פיל מענטשן וואלטן באטראכט ווי א מאנאטאנישע לעבן. איז אודאי זענען געווען אפרעדערייען. עס וואלט אונז געוואונדערט אז עס איז נישט געשען פריער. מיר קענען זיין זיכער אז אויב מיר וואלטן דארט געווען וואלטן מיר אויך נישט געווען צו פרייליך. נישטא קיין פארוויילונגען? נישטא קיין סטראבערי אייזקרעם? מיר וואלטן זיך אפגערעדט פון אנהייב אן.

## דער סוד צו שמחה

אזוי איז דאס פאלק געווען אומצופרידן, שפירנדיג זיך באקריוודעט פון דאס וואס זיי האבן געמיינט אז עס ברענגט שמחה. זיי האבן זיך געדארפט לערנען וואס אמת'ע שמחה מיינט, אז דער סוד פון שמחה איז נישט צו האבן אסאך זאכן צו עסן און ספעציעלע עסן. שמחה מיינט נישט פארוויילונגען און גיין צו פלעצער. ס'איז נישט צו האבן אסאך זאכן. דער סוד צו שמחה איז צו

פארשטיין ווי גליקליך דו ביסט מיט וואס דו פארמאגסט.

למעשה קען זיך אבער משה רבינו נישט אראפזעצן מיט יעדן, מיט יעדע משפחה וואס קומט מיט טענות און זיי ערקלערן, "קוק ווי גוט איז די מן; ס'איז געזונט, מיט אלע נארשאפטן וואס דו דארפסט האבן. עס וועט דיר נישט מאכן איבערוואגיג און ס'וועט נישט מאכן דיינע ציין פוילן. דו דארפסט נישט עסן אסאך זאכן - די מן געבט דיר אלעס וואס דו דארפסט האבן; עס שטעלט דיר צו אלע דיינע באדערפענישן." מיר וועלן באלד זען אז ס'איז דא פיל מער וואס צו ערקלערן ווי די שוואכע ווערטער וואס איך זאג יעצט - איך רעד כלליות'דיגע באגריפן - וואס ווען משה וואלט עס זיי ערקלערט וואלטן זיי נאך אפאר שעה זיך געלערנט ווי אזוי צו זיין פרייליך.

## פייערדיגע רעדנערס

אבער ער האט נישט געהאט גענוג צייט. עס איז געווען א פאלק פון מילאנען - ער האט נישט געקענט גיין און ערקלערן באזונדער צו יעדן פארפאלק. דערפאר האט דער באשעפער געזאגט צו משה, "אפשר דו אליין קענסט טאקע נישט ערקלערן דעם ריכטיגן בליק פאר יעדן, וועל איך דיר געבן הילף, כ'וועל דיר צושטעלן זיבעציג לייט, **אֲשֶׁר יָדַעְתָּ כִּי הֵם זִקְנֵי הָעָם וְשֹׁטְרָיו** - גוטע, קלוגע לייט וועמען דו ווייסט אז זיי קענען באאיינפלוסן מענטשן. און איך וועל לייגן מיין גייסט אויף זיי און זיי וועלן ווערן נביאים." איר ווייסט וואס עס איז א נביא? פון דאסווארט ניב. ניב מיינט א רעדנער; א רעדנער וואס רעדט מיט א פייער, מיט התרגשות.

"איך וועל לייגן מיין גייסט אויף זיי און איך וועל אריינשיינען אין זיי און זיי וועלן זיך אויסשפרייטן און יעדער וועט נעמען א טייל פון די מענטש און זיי צוביסלעך אויסלערנען ווי אזוי צוריקצובאקומען די שמחה. זיי וועלן זיי אויפווייזן ווי גליקליך זיי זענען אויף די וועלט; אז די שמחה פון די פשוט'ע זאכן אין לעבן דארפן זיי צוברענגען צו זיין שטענדיג פרייליך, פול מיט עקסטאז, אן צו פארמאגן קיין שום אויבערפלעכליכע פארגעניגנס; אן קיין פלייש, אן קיין טירגארטנס און קיין פארוויילונגס ערטער.

משה רבינו האט אצינד געהאט אן ארמיי פון פעאיגע געהילפן וועלכע האבן זיך אויסגעשפרייט און גערעדט צו די מענטשן; זיי האבן זיי אויסגעלערנט ווי אזוי הנאה צו האבן פון די מן, ווי אזוי הנאה צו האבן פונעם לעבן. זיי זענען געווען **מתנבים**, גערעדט מיט התלהבות, מיט א פייער. איך בין זיכער אז זיי האבן גערעדט סיי צו אינדיווידואלן, סיי צו פאמיליעס און אויך געגעבן שיעורים צו אויפווייזן פאר די מאסן ווי גליקליך זיי זענען; יעדן טאג האבן די אידן געהאט פרנסה, קיינער איז נישט געבליבן הונגעריג, די מן איז פאקטיש געווען די בעסטע דיעטע וואס די וועלט האט אמאל געזען.

## לערנען די לעקציע

למעשה, דאס איז אמת אז די מן האט נישט באפרידיגט זייערע פאנטאזיעס. זיי וואלטן געוואלט האבן עפעס אינטערעסאנט, עפעס געפארבט מיט א רויטן קאליר ווי אייזקרעם אדער סאדע. אבער יעצט האבן זיי געלערנט דעם אמת, אז א פשוט'ער גלאז פון קלארע ריינע וואסער איז בעסער ווי סיי וואס. נאך אלעם, וואס איז סאדע? ס'איז סתם וואסער מיט אביסל רויטע שמוץ צוגעלייגט דערצו.

איז אצינד האבן זיי זיך געלערנט ווי אזוי צו זיין פרייליך אן די אלע אויבערפלעכליכע זאכן אין

לעבן, אן צו פארלאנגען נאכאנאנד מער. די זיבעציג חכמים זענען געווען די וועלכע האבן צוריקגעברענגט דעם אפטימיסטישן בליק און די שמחה פון דאס אידישע פאלק און זיי האבן זיך געלערנט צו זיין פריילך מיט זייער גורל דורכאויס די ווייטערדיגע יארן אין מדבר. עס האט געפאדערט ארבעט - קיין זאך קומט נישט אן גרינג - אבער אפילו די **אסַפְסֻף** האבן זיך געלערנט וואס שמחה איז באמת.

דאס אידישע פאלק אין מדבר האט זיך יעצט געלערנט ווי אזוי צו זיין פריילך און דאס גאנצע פאלק האט זיך צוריקגעקערט צו הנאה האבן פונעם לעבן. דאס אז א גאנצע פאלק זאל זיך לערנען צו זיין בעלי השקפה און צו קענען לערנען אין אזא וועג, איז געווען א געוואלדיגע ערשיינונג, אבער דאס איז וואס עס האט פאסירט אין מדבר. די מענטשן זענען טרענירט געווארן צו א נייער גאנג אין לעבן; א לעבן פון לויטערע באפרידיגונג און ריכטיגע שמחה מיט די אלע פשוט'ע זאכן אין לעבן, און דער באשעפער'ס פאלק איז געווארן א פרייליכע פאלק.

# חלק ג. לעבן פריילך

## שרייבן אונזער אייגענע היסטאריע

אלזא, איך ווייס אז צוערשט וועלן די ווערטער גיין אריין און ארויס פון מענטשנ'ס אויערן. ס'וועט נישט ערוועקן קיין שום רעאקציע ביי מענטשן; דער געדאנק פון זיין פריילך מיט וואס מיר פארמאגן, מיט די מינימאלע זאכן אין לעבן. אבער דאך, וואס מיינט דאס פאר אונז, די פאסירונג וואס האט זיך אפגעשפילט אין מדבר - אודאי איז דא הונגער אין מדבר - אבער וואס האט עס צו טון מיט אונז, וואס מיר לעבן אין ברוקלין, אמעריקע?

איז צוערשט לאמיר פארשטיין א פרינציפ, אן אלגעמיינער פרינציפ איבער אונזער היסטאריע. די גאנצע אידישע געשיכטע איז ווי א ספר וואס ווערט געשריבן דורך דאס אידישע פאלק. עס ווערט יעצט געשריבן און מיר זענען די שרייבער פון דעם ספר - סיי וואס עס ווערט אריינגעשריבן אין דעם ספר איז צוליב די אויפפירונג פון אונזער פאלק. ווען מיר זענען ערליך, ווען מיר שטייגן אין תורה, ווען מיר בויען מער ישיבות, ווען מער מענטשן שטעלן אויף פרומע משפחות, דאן שרייבן מיר די זאצן און קאפיטלען אין דעם ספר וואס וועט איין טאג זיין א געוואלדיגע היסטאריע.

## פאר דעם בוך

אבער לייגט אצינד צו אויפמערקזאמקייט צו עפעס - וואס איך וועל אייך יעצט זאגן איז א יסודות'דיגע ידיעה פון דעם גאנצן פלאן פון די תורה. און דאס איז, אז איידער מיר זענען ערלויבט געווארן זיך ארויסצולאזן צו שרייבן אונזער געשיכטע ספר, האבן מיר באקומען א הקדמה.

כ'ווייס נישט אויב איר האט אמאל געזען די ביכער וואס פלעגן אמאל גענוצט ווערן אין די שולעס מיט וואס מ'האט געלערנט די קינדער ווי אזוי צו שרייבן. איך געדענק אז אין אנהייב פונעם בוך זענען געווען געשריבן עטליכע פאראגראפן מיט בוכשטאבן פון א שיינער האנטשריפט, און מיר האבן געדארפט שרייבן אויף די ליידיגע בלעטער, נאכשרייבנדיג די הערליכע שריפט. דער אנהייב פונעם בוך האט געדינט פאר אונז ווי א מאדעל נאכצומאכן - מען האט נאכגעשריבן די שריפט און דאן, נאך א שטיק צייט, האט מען זיך געלערנט ווי אזוי צו שרייבן מיט א הערליכער האנטשריפט.

דער באשעפער האט אונז צוגעשטעלט א מאדעל וואס מיר דארפן נאכמאכן ביים שרייבן אונזער

געשיכטע ספר - דאס איז דאס לעבן פון אונזער פאלק אין מדבר. דער מדבר איז געווען די וואונדערליכסטע תקופה אין אונזער היסטאריע און דער באשעפער האט עס אזוי אויסגעשטעלט, מיט א ציל אז עס זאל זיין ווי א הערליכער האנטשריפט צו וואס כלל ישראל קען צוריקקוקן און נאכמאכן.

## וואס מיר מוזן לערנען

למעשה זענען אין מדבר געווען פיל מוסטערס, פיל לעקציעס פון וואס צו לערנען. מיר וועלן איין טאג רעדן פון דעם אבער יעצט וועלן מיר זיך קאנצענטרירן אויף איינע פון מערסטע אויסערגעוועגליכע שטריכן פון דאס לעבן אין מדבר - ס'איז געווען א לעבן אין וועלכע עס האט געפעלט אלע זייטיגע פארגעניגנס און באקוועמליכקייטן! נישט נאר וואס זיי האבן נישט געהאט קיין פלייש און צוויבל, נאר לענגאויס פערציג יאר זענען זיי געווען באגרעניצט מיט אלעם. זיי האבן נישט געהאט קיין פערמענענטע היימען. זיי האבן נישט געהאט קיין שאפינג צענטערן. זיי האבן נישט געהאט קיין פארקס און קיין רעסטוראנטן. קיין עיר קאנדישאנס און קיין פארוויילונגען. זיי האבן גארנישט געהאט!

און דערפאר דארפן מיר אצינד צוריקקוקן צו די תקופה אין מדבר. דער באשעפער וויל פון אונז, אין א געוויסן זין, מיר זאלן ניצן זייערע איבערלעבענישן ווי א פארבילד ווי אזוי מיר זאלן זיך באציען צו אונזערע אייגענע לעבנס און צו פארשטיין מיט וואספארא בליקן א איד דארף באטראכטן דאס וואס ער באקומט היינט. דורך דער מציאות פון די פערציג יאר אין מדבר האט דער באשעפער זיי געלערנט - און דערביי לערנט ער אויך אונז - די געוואלדיגע לערע פון **איזהו עשיר:** ווער איז א רייכער מענטש? **השמח בחלקו** - דער וואס לערנט זיך צו זיין פריילך מיט וואס ער פארמאגט.

## דאס בעסטע פלאץ איז אינדערהיים

דערפאר, ווען די אידן האבן זיך אפגערעדט, האט דער באשעפער זיי נישט געשיקט זיבעציג וואגאנען, זיבעציג שיפן, אנגעפילט מיט פלייש און אוגערקעס. ווייל דאס וואלט נישט געווען די לעזונג; דאס וואלט געווען נישט מער ווי א צייטווייליגע בארואיגונג. דער סוד צו שמחה איז נישט דורך האבן אסאך זאכן צו עסן אדער גיין צו פלעצער אדער פארמאגן אסאך זאכן - די נקודה איז צו פארשטיין ווי גליקליך דו דארפסט זיין מיט דאס וואס דו פארמאגסט שוין.

און אזוי, ווען די זיבעציג זקנים זענען געקומען צו די מענטשן און זיי געלערנט ווי אזוי הנאה צו האבן מיט וואס זיי האבן, איז דאס געווארן א פארבילד פאר'ן צוקומפט. דער קאפיטל פון אונזער היסטאריע אין מדבר איז געשריבן געווארן פאר אונז צו נאכפאלגן אויף אייביג און אייביג - די כוונה דערצו איז, אונז צו לערנען ווי אזוי צו זיין פריילך.

שמחה באדייט צו זיין פריילך מיט אונזער גורל, פריילך אן קיין איבריגס און לוקסוס. מיר דארפן נישט אויסגעבן געלט אויף זאכן וואס אנדערע מענטשן פילן אז ס'איז וויכטיג, ווי אויף צו עסן אין רעסטוראנטן. ניין, דו קענסט עסן אינדערהיים. ס'איז אפילו ריינער ווי אין רעסטוראנט און ס'קאסט פיל ווייניגער.

דארפסט נישט גיין צו קיין האטעלן. אינדערהיים איז בעסער ווי די האטעלן. דו האסט מער באקוועמליכקייטן אינדערהיים. אלעס איז אינדערהיים בעסער. א איד לערנט זיך אז ארומפארן איז נאר פאר מענטשן וואס זענען אומצופרידן; זיי זוכן צו גיין ערגעץ אנדערש וואו זיי מיינען אז זיי וועלן טרעפן שמחה.

## מען זוכט די פארגעניגנס

פרייטאג צונאכטס, געבט א קוק ארויס פון אייער פענסטער און איר וועט זען קארס יאגן זיך. זיי פארן ערגעץ צו פארברענגען זייער סוף וואך וואקאציע. איר קענט טראכטן אז זיי גייען צו עפעס א גוטע פלאץ. אויב פארן זיי אלע צו די זעלבע פלאץ, אפשר. אבער זיי פארן אין יעדע ריכטונג. טייל מיינען אז די פארגעניגנס געפינען זיך אין די ריכטונג, אבער אנדערע מיינען אז די פארגעניגנס געפינען זיך אין יענע ריכטונג.

וואס זוכן זיי? זיי זוכן עפעס פארוויילונגען אין לעבן ווייל זייער לעבן איז ליידיג. ס'איז א רחמנות אויף זיי ווייל זיי האבן קיינמאל נישט געלערנט וואו צו זוכן שמחה. זיי האבן קיינמאל נישט געלערנט דעם סוד אז שמחה געפינט זיך נישט אין פלעצער; ס'איז אין קאפ.

אלזא, איך פארשטיי אז ס'איז גרינג דאס צו זאגן אבער דער אמת איז, אז יעדער קען מצליח זיין דורך נאכפאלגן דעם מדבר מוסטער אויב ער לערנט עס ריכטיג אפ מיט דעם ציל זיך צו לערנען ווי אזוי צו הנאה האבן פונעם לעבן. ס'איז א געוואלדיגע נושא - ס'איז א חכמה צו לערנען די מעגליכקייט צו זיין פרייליך מיט וואס מיר פארמאגן, און עס וועט נישט העלפן בלויז צו הערן די רייד און עס אוועקלייגן. עס פאדערט ארבעט - אויב עס האט זיך געפאדערט זיבעציג זקנים וועלכע האבן באקומען נבואה פון באשעפער צו טון די עבודה פון אויסלערנען די מענטשן, קענט איר זיך פארשטעלן אז עס פאדערט ארבעט.

## טון די עבודה

מיר דארפן ארבעטן שווער און זיך קאנצענטרירן אויף אלעס וואס מיר האבן, און דאן וועלן מיר ווערן רייך; **שמח בחלקו**. אויב זענט איר געזונט, איז זייער וויכטיג צו טראכטן דערפון. אויב האסטו צוויי געזונטע נירן וואס ארבעטן ווי ס'דארף צו זיין, דאן ביסטו רייך. אויב האסטו א הארץ און א לעבער, דאס איז נאך מיליאן דאלער. דיינע אלע אינערליכע גלידער ארבעטן? אאהא! דאס איז אן עשירות פון דיאמאנטן!

דאס איז חלקו! די זאכן וואס דו פארמאגסט! דער פראבלעם איז נאר אז קיינער שפירט נישט די הנאה פון זייער רייכקייט! פארוואס זאל א מענטשווארטן ביז ער פארלירט זיין געזונט, צו צוריק קוקן צו די אלטע גוטע טעג פון וואס ער האט קיינמאל נישט הנאה געהאט?

און דערפאר, איז עס עבודת ה' זיך אפצושטעלן אויף די זאכן, יעדע זאך באזונדער, צו טראכטן איבער זיי און זיין א שמח בחלקו. באנעם זיי נישט אויף איינמאל, אזוי ווי איך טו יעצט. האב הנאה פון דיין געזונט, פון איין זאך אויפאמאל. בשעת דו גייסט אראפ די גאס דאס קומענדיגע מאל, טראכט איבער דעם פאקט אז דו האסט א געזונטע הארץ. דאס אלעס. א הארץ איז גענוג פאר איין גאס.

## הארץ און אויערן

דער אמת איז אז דו קענסט שפאנען מיילן אויפ'ן גאס און זינגען מיט שמחה אויף א געזונטע הארץ. לאמיר זאגן, איינער האט געהאט א נישט געזונטע הארץ און יעצט ענדליך האט ער באקומען א גענצליכע רפואה; און ער גייט אצינד ארויס פון דאס ארט וואו ער איז אויסגעהיילט געווארן; ער גייט נישט אין גאס - ער גייט אין די וואלקענעס! ער איז אזוי פריילין, אז ער זינגט אויף זיין העכסטע קול און מענטשן מיינען אז ער איז א צערודערטער! אדער טראכטן זיי אז ער האט געוואונען די לאטערי.

פראביר עס גייענדיג איין גאנצע גאס. דו ביסט אנגעקומען צום עק גאס? דו גייסט אצינד אריבערגיין די גאס, ווען דו יעצט אויסקלויבן נאך א טייל פון דיינע פארמעגנס צו טראכטן דערפון. דו האסט גוטע אויערן? ביסטו שוין רייך. דו קענסט אריבערגיין די גאס פארזיכערט צוליב דיינע אויערן - מענטשן קענען דורכלעבן טראפיק ווייל זיי קענען הערן ווען עס דערנענטערט זיך א קאר. טו! טו! און דו טאנצסט ארויס פון וועג! דאס ראטעוועט דיין לעבן. אויערן זענען וואונדערליך. אויסער דעם פאקט אז דורכדעם קענסטו קאמוניקירן מיט דיין פאמיליע, זענען דיינע אויערן זייער וויכטיג פאר דיין עקזיסטענץ. **חרשו נותן לו דמי כולו** - "אויב מאכט מען א מענטש טויב איז אזוי ווי מ'האט אים גע'הרג'ט ווייל ער קען מער נישט פונקציאנירן" (בבא קמא פה:).

## אטעמען אין פרילינג

לערן זיך צו הנאה האבן פון די מעגליכקייט צו קענען אריינאטעמען לופט. לופט איז א מתנה. ס'איז א געמיש פון פארשידענע גאזן; זויערשטאף (אקסיזשען) אין די ריכטיגע פראפארציע מיט שטיקשטאף (ניטראזשען) און אביסל פון קוילנשטאף זייערס (קארבאן דיאקסייד). און בשעת דו אטעמט אריין, געבט עס דיר א שטויסקראפט. געוועגליך אטעמען מענטש נישט גענוג טיף. אין מערסטנס פעלער ווערט נישט דער אונטערשטער טייל פון די לונגען אנגעבלאזן. אלזא, פיל אן דיינע לונגען מיט לופט און יעצט ווערסטו אויפגעפרישט מיט די גרויסע מתנה וואס דער באשעפער געבט דיר מיט א שפע. דאס איז גורם אז דיין בלוט זאל ווערן רויט און עס פרישט אויף דיין גאנצער קערפער. אטעמען איז א גרויסע שמחה פאר דער טראכטנדער מענטש.

ספעציעל אין פרילינג צייט. לערן זיך צו געניסן פונעם פרילינג ווייל גאנץ שנעל גייט עס פארביי. בשעת אלעס שפראצט ארויס, ס'זענען דא פרישע גרינס אויף אלע זייטן און דער וועטער איז ווי באלזאם אויפ'ן קערפער; לערן זיך צו געניסן פון די מתנה וואס דער באשעפער געבט. טינק זיך דערין! האב נישט מורא אז עס איז צופיל עולם הזה, אז דו ווערסט איינגעטונקען אין גשמיות. די סארט עולם הזה איז א גרויסע מצוה זיך צו פארטיפן דערין. לערן זיך צו זיין פרייליך אין פרילינג!

אט איז אונזער פריינד, ער שפאנט אויפ'ן גאס און ער האט אפילו נישט קיין פרוטה אין זיין טאש, אבער ער איז פול מיט שמחה. זיין הארץ קלאפט - דאס איז ביים ערשטן גאס. דערנאך איז ער זיך מתבונן מיט פרייד איבער זיינע אויערן. און יעצט אטעמט ער אריין די פרילינג לופט! ער האט הנאה פון דעם אנגענעמען וועטער און ער זינגט זיך אונטער א ניגון! ער איז געזונט! זיין בלוט לויפט דורך זיינע אדערן! אפשר איז ער אויך נישט שולדיג פאר קיינעם קיין געלט! ער טראכט פון אלע גוטס וואס ער האט אין לעבן! אאהא, אצינד ווערט זיין קאפ איבערגעפילט מיט שמחה.

בשעת ער טראכט פון זיינע לונגען וואס פילן זיך אן מיט די לופט געמיש, קען ער נישט פארגעסן פון זיין הארץ אדער זיינע אויערן; אט אזוי ווערט זיין גלאז פון שמחה אנגעפילט. ווען נישט, איז עס ווי א גלאז מיט א לאך פון אונטן - סיי וואספארא שמחה מען גיסט אריין, רינט עס ארויס.

## דיין פרייליכע היים

אויב ביסטו חתונה געהאט און דו האסט א היים, טראכט ווי גליקליך דו ביסט! עס זענען דא פיל מענטשן וואס זוכן שידוכים. פיל מענטשן קענען פשוט נישט טרעפן זייער זיווג. טייל האבן קיינמאל נישט געהאט און טייל האבן עס פארלוירן. זינק נישט אריין אין א נאכגעלאזנקייט און פוילקייט פון צו טראכטן, איגנארירנדיג וואס דו פארמאגסט. דו האסט א מאן? דו האסט א ווייב? דאס איז פארמעגן! ס'איז אייגנטום! און דאס איז זייער וויכטיגע אייגנטום! סיי וואספארא סארט מאן אדער

ווייב איז וויכטיגע אייגנטום! טראכט דערפון פאר א מינוט איידער דו עפנסט די טיר אהיימצוקומען אין שטוב.

אויב ביסטו ערנסט דערמיט, וועל איך דיר געבן אביסל מער היימארבעט. ווען דו גייסט ארויף די שטיגן צו דיין היים, פראקטיציר צו געניסן פון די טרעפ. אין די צייטן פון די גמרא האט מען געהאט לייטערס - א לייטער איז אומבאקוועם און אויך א סכנה. איז ווען דו גייסט ארויף די טרעפ, טראכט איבער די פריווילעגיע וואס דו פארמאגסט. דו קענסט גיין פון דעם ערשטן שטאק ביז דעם צווייטן שטאק דורך גרינגע שטאפלען.

אויב איז דא אין די זייט אויך אן אנכאפער, דאס איז שוין אן איבריגער לוקסוס! טראכט וויפיל מאל דו ווערסט פארמיטן פון פאלן דורכדעם וואס דו כאפסט זיך אן אינעם אנכאפער. עס העלפט דיר ארויפפירן ביז אויבן פון די טרעפ. עס ציט דיר ארויף ווי אן עלעוועיטער.

## זיי משוגע פריילך

אין די אלטע צייטן האבן זיי נישט געהאט קיין אנכאפערס ביי די טרעפ. היינט פארלאנגט מען עס דורך די רעגירונגס בילדינג אגענטור. שטעל זיך פאר דו וואלטסט געדארפט ארויפקריכן די טרעפ אן אן אנכאפער - דו דארפסט אליין ארויפקלעטערן אן וואס עפעס זאל דיר העלפן זיך ארויפציען; ס'איז נישטא אויף וואס זיך אנצוהאלטן. און אויב וואלטסטו זיך אויסגעגליטשט און געפאלן צוריקוועגס, וואלט עס געווען א גרויסער פראבלעם. און יעצט געניסטו פון דעם לוקסוס, די רייכטום פון האבן א טרעפן אנכאפער.

עס קען פאסירן, דו זאלסט דערציילן פאר דיין ווייב איבער וואס מיר רעדן דא און זי רעאגירט, "וואספארא סארט מאדנע זאכן לערנט מען דיר דארט? זיך פרייען מיט א טרעפן אנכאפער?! איז דאס נארמאל?!" ווייל די איינציגסטע זאך וואס איז היינט נארמאל איז צו זיין אומצופרידן, צו האלטן אין איין ווילן נאך זאכן. א טרעפן אנכאפער?! זי וויל האבן כאטש א קליינער עלעוועיטער. דאס איז רעקלאמירט אין די מאגאזינען, א היים עלעוועיטער. פארוואס נישט? עס קאסט בלויז פינף טויזנט דאלער א היים עלעוועיטער.

אבער מיר ווען זיין משוגע און זיין פריילך! מיר וועלן אויסוועלן איין זאך און זיך קאנצענטרירן אויף דעם ביז עס מאכט אונז פריילך. נאך א שטיק צייט, ווען דו ביסט שוין פריילך מיט די איין זאך, דאן לייג צו נאך א זאך. נאך א שטיק צייט, ארבעט אויף עפעס אנדערש. נאך א שטיק צייט, וועסטו שוין האבן פערציג אדער פופציג זאכן - דאס איז נאך גארנישט ווייל ס'איז דא פיל מער. אבער אויב ביסטו פריילך מיט פערציג זאכן, ביסטו שוין אן עושר. אויב ביסטו נאך א יונגער מענטש און דו וועסט זיך האלטן צו דעם גאנג ביז דו וועסט אנקומען אויף דער עלטער, ביז צו די ניינציגערס - דאן וועסטו זיין זייער א רייכער מענטש.

## א פרייליכע פאלק

און אזוי איז דא אסאך צו לערנען אין לעבן ווי אזוי צו זיין פריילך! ס'איז דא אזויפיל מיט וואס צו זיין פריילך! און דאס איז וואס דער באשעפער וויל מיר זאלן זיך לערנען פון די היינטיגע פרשה. מיר לערנען פון דעםביישפיל אין מדבר אז מיר דארפן געניסן אפילו פון די פשוט'סטע הנאות אין לעבן און דאס איז אונזער יסוד צו זיין עבדי ה'. כדי צו זיין אן עובד ה', לערנען מיר זיך שטענדיג צו דאנקען דעם באשעפער - און מיר דאנקען אים בלויז דורך זיין פריילך. פאר פערציג יאר האט דאס

פאלק געלערנט די געוואלדיגע חכמה פון **איזהו עשיר** - "ווער איז א רייכער? א רייכער מאן איז דער וואס האט זיך געלערנט צו זיין פריילעך מיט וואס ער פארמאגט."

און דער פאקט אז א גאנצע פאלק האט זיך טרעינירט צו לעבן אויף דעם וועג איז אן אינספיראציע פאר אונז. א פרייליכע פאלק איז אן ערפאלגרייכע פאלק! **אשרי העם** - וואויל איז דאס פאלק, **שככה לו** - וואס דאס איז זיין גורל! און דערפאר, **אשר העם שה' אלקיו** - ווען מיר אנערקענען אז דער באשעפער איז דער מקור פון אונזער איבערפליסנדע שמחה, דאס איז ווי אזוי מיר הייבן אן אים צו דינען - מיר דינען אים מיט הכרת הטוב אויף יעדן פרט אין אונזערע לעבנס און דאס איז ווי אזוי מיר לעבן מיט די מערסטע הצלחה.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל
### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

### שאלה:

**עס שטייט אז ווען א מענטש קומט ארויף אויף יענע וועלט, פרעגט מען אים, "פלפלת בחכמה? צי האסטו עוסק געווען אין פלפול פון חכמה, אין דורכטון די ענינים פון חכמת התורה?" - צי מיינט דאס אז יעדער וועט געפרעגט ווערן די שאלה?**

### תשובה:

איר דארפט וויסן אז די שאלה וועט מען פרעגן פון יעדן עם הארץ. יעדער עם הארץ וועט דארפן ענטפערן אויף די שאלה. דאס איז דערפאר ווייל יעדער מענטש האט די מעגליכקייט צו אויסוואקסן עפעס.

למעשה, די פרויען וואס לערנען נישט קיין פלפול התורה, פון זיי וועט מען פרעגן, "צי האסטו געזען דערצו אז דיין מיין זאל לערנען געגוג אויף צו קענען ענטפערן אזא שאלה?" זי דארף מחזק זיין איר מאן צו שטייגן אלץ מער אין תורה. און יעדער מאן דארף פילן אז ער האט די מעגליכקייט צו פארשטיין זאכן אלץ טיפער און טיפער. אודאי איז נישטא קיין סוף צו וויפיל תורה מען קען לערנען אבער כאטש דארף מען נעמען שריט אין די ריכטונג; יעדער דארף נעמען שריט.

דערפאר, ווען די צייט וועט קומען וועט מען דיר פרעגן ביים פארכטיגן בית דין של מעלה, "פלפלת בחכמה? צי האסטו דורכגעטון די טיפקייט פון די גמרא?" וועסטו זאגן, "באשעפער, איך מוז מודה זיין אז איך האב נישט געקענט אבער איך בין שוין געווען אויפ'ן וועג דערצו. אויב וואלטסטו מיר געלאזט לעבן לענגער, וואלט איך אפשר אנגעקומען דערצו. לאמיר זאגן נאך פופציג, זעכציג יאר, וואלט איך אפשר אנגעקומען דערצו. עס קען זיין אז איך וואלט אנגעקומען דערצו." אבער אויב האסטו נישט געמאכט דעם ערשטן שריט אין די ריכטונג דאן וועסטו נישט האבן קיין תירוץ. נאר מענטשן וועלכע פראבירן צו לערנען וועלן קענען ענטפערן די שאלה.